גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת

## חג הסוכות

תשפ"ב לפ"ק

נושא השבוע

# חסידות (ב)

הרב
**משה נחום קרויס**
עורך



## פאררווארט

**אלס** די אריינפיר פאר **חסידות** מאמר ב', וועלן מיר ציטירן וואס מיר האבן געשריבן ב**חסידות** מאמר א'. עס איז א נחיציותדיגע נקודה וואס פארלאנגט זיך ווען מיר שרייבן א מאמר כללי איבער **חסידות**, עס ברענגט ארויס די מעלה און חסרון בזמנינו: וזה מה שכתבנו אז: מ'פארציילט אויפן הגאון **שר התורה מטשעבין** זצ"ל (וואס איז געווען א הוסטיאנער חסיד, וכ"ה היה דבוק באדמור"י בעלזא וברבי שלמה חנוך מראדאמסק זצ"ל) איינמאל האט מען אים געבעטן אונטערצושרייבן אויף א מכתב לטובת א חסידות מסויימת, וואס ער האט פון די חסידות און העומד בראשה, נישט געהאלטן. אכן בכל זאת, האט ער אונטערגעשריבן. נאכדעם וואס די שלוחים זענען ארויס פונעם צימער, האט זיך זיין איידים הגאון **רבי ברוך שמעון שניארסון** זצ"ל געמאלדן צו זיין גרויסן שווער, ושאלה בפיו: כ'פארשטיי נישט, הלא הנכם יודעים בדיוק מה טיבה של חסידות זו ומה טיבו של העומד בראשה, דאן פארוואס האט דער שווער אונטערגעשריבן לטובת די חסידות? צו וואלט זיך דער שווער משתתף געוועןביים טיש פון דעם רבי אדער געגעבן א קוויטל?

האט דער טשעבינער רב געענטפערט: יא מיין קינד, יא, כ'ווייס בדיוק מה טיבה פון די חסידות, ובכל זאת. כך קיבלתי מרבותי, אז דאס איז די דרך שבה העסק דארף זיך פירן עד ביאת המשיח, כדי אפצוהיטן דאס גחלת היהודית. יעדע אנדערע דרך קען גורם זיין מער נזק ווי תועלת.

אבער געדענקען דארף מען אז עיקר חסידות איז נישט די חיצוניות. ה**נתיבות שלום מסלונים** זיע"א האט מזהיר געווען אין דעם ענין, אז מיר לעבן בדור של תחליפים, מ'פארטוישט, און אזוי האט ער געזאגט: התלבושת החסידית תחליף

לחסידות: דער שטריימעל איז א תחליף פאר שבת. שמעקן טאביק איז א תחליף פאר ישוב הדעת. די פארענצ'עס זענען א תחליף פאר התקשרות. וכהנה וכהנה אז זיין משתייך צו א חוג איז אויך א תחליף, צב"ש: השתייכות צו חוג בני תורה איז א תחליף ליגיעת התורה. ע"כ ממה שכתבנו במאמר א'.

נאך די קורצע הקדמה, ווי מיר פארשטייען אז 'חסידות' כהיום איז נישט וואס מיינט ריכטיג חסידות. אבער עכ"ז איז אפילו די חיצניותדיג'ע חלק די שמירה וואס היט אפ די גחלת היהודית, כדברי הגאון מטשעבין זצ"ל. אבער פונעם צווייטן זייט זענען די ווערטער פונעם נתיבות שלום, כדברונות, עס שטעכט. אבער, ב"ה לא אלמן ישראל, עס שמעקט אין די לופט כהיום א תשוקה עזה, א צמאון, א נכספה וגם כלתה נפשי, צו מער **פנימיות**. מ'זעהט ווי מ'איז לא רעב ללחם און לא צמא למים, כי אם לשמוע דבר ה'. עס איז א סימן, און א נחמה, אז מיר האלטן שוין אט אט ביי די גאולה שלימה, זאל עס טאקע זיין במהרה **בימינו**. אכי"ר.

אינעם דיזן מאמר ווילן מיר בעז"ה ארומרעדן פון די פראגע וואס ס'האט זיך געפרעגט זינט די אויפשיין פון חסידות: אויב איז תורת החסידות אמת ומהותו אמת, דאן פארוואס לא נתגלה בימים הקדמונים? די פראגע האבן שוין געפרעגט די דור אחרי הבעש"ט, ווען מ'האט געזעהן וואס חסידות האט געטון מיט די וועלט, די פייערדיגע און דראסטישע טויש וואס האט אויפגעשאקעלט די וועלט ביז אירע יסודות. הלמאי, וואס איז געווען בעפאר?

בעסער צו פארשטיין די פראגע וועלן מיר זיך באנוצן דערמיט אלס א נמשל: ביי א מסיבה לכבוד א לעבנ'ס וויכטיגע ארגיניזאציע, האבן מיר געשעטעלט די פראגע פארן ציבור: צו איר קענט איר זיך פארשטעלן ווי אזוי די וועלט האט געקענט אנגיין אן די ארגיניזאציע וואס העלפט ארויס חולי ישראל[א]? אלע האבן האבן מיט צושטימונג מיטגעשאקעלט מיטן קאפ, ווי אזוי טאקע?

בכדי ארויסצוברענגען די פראגע מער בולט'דיג, האבן מיר געפרעגט: צו קענט איר זיך פארשטעלן א וועלט אן די מושג פון חסידות? צו וואלט ווען די וועלט געקענט אנגיין די מושג פון חסידות? מיט א שמייכל האבן די פארזאמעלטע ווידער מיטגעשטימט.

דאן האבן מיר געפרעגט, נו, טאקע ווי אזוי איז די וועלט אנגעגאנגען בעפאר?

די פשוטע תירוץ איז די פראגע זעלבסט... ווען די וועלט האט שוין נישט געקענט אנגיין אן די ארגיניזאציעס, אדער אן חסידות, דאן איז געקומען א ציווי און א בליץ מאת ה', אז די מושגים זאלן ווערן א מציאות און אז די וועלט זאל ווייטער קענען עקזעסטירן.

דאס איז א אן אויבענאויף תירוץ. מער בעמקות אי"ה במאמר הלז, ובשם ה' נכתוב ונצליח.

## למה לא נתגלה ה'חסידות' בימים הקדמונים?

הופעת החסידות הייתה ללא ספק מהפכה רוחניות כבירה ביהדות, דאס אופשיין פון חסידות וצדיקיה האט געטוישט די וועלט, פארוואס האט די בריאה געווארט דערויף איבער פינף טויזענט יאר? די פראגע איז שטערקער, פארוואס דוקא אין די תקופה פון די דורות האחרונים? די דורות הקדמונים זענען בלי ספק געווען אין סאך א העכערע דרגא ווי די דורות האחרונים, פארוואס האבן דייקא די דורות האחרונים זוכה געווען צו די התגלות?

באמת איז די פראגע נאך טיפער: צו האט 'חסידות' מוליד געווען נייע מושגים וואס איז נישט געווען ביז דאן? אויב איז אייער ענטפער, יא! דאן פארשטייט איר נישט וואס עס מיינט 'חסידות'... ווייל אויב איז מען זיך מתבונן, זעהן מיר אז באמת איז 'חסידות' נישט קיין דבר חדש. די

[א] מספר **שערי מדע** (א) מאמר רפואה: עס האט פארציילט הגאון רבי רפאל דוד אויערבאך זצ"ל (ראש ישיבת שער השמים) ער איז אמאל געווען ביים גרויסן און הייליגן חזון איש זצ"ל מיט נאך איטליכע מענטשן. מ'האט דארט ארומגערעדט איבער די גרויסע התקדמות די פארשריט פון חכמת הרפואה. איבער די ערפינדונג פון די לעבנס וויכטיגע 'אנטיביאטיק'. און אנדערע מעדיצינישע מאשינערי אד"ג. דער חזון איש האט דאן געזאגט אז מ'דארף דאנקן הקב"ה אז די דאקטורים האבן מצליח געווען אז זיי קענען העלפן און היילן די מענטשהייט. האט זיך איינער פון די אנוועזענדע זיך אנגערופן: אבער עס איז דא א מחלה וואס אפילו מיט די אלע פארשריטן אין די מעדיצינישע וועלט אין הרופאים מוצאים ידיהם ורגליהם כיצד לרפואתה. די דאקטורים ווייסן נישט ווי אזוי צו היילן די 'ביטערע מחלה' השם ירחם רח"ל.

האט זיך דער חזון איש אנגערופן במתק שפתיו: צו מיינסטו אז הקב"ה שפילט מיט אונז שחמ"ט. פון איין זייט איז ער כביכול מקדים די רפואה, און פון די צווייטע זייט שלאגט ער אונז בחוסר אונים ח"ו?. נאר וויסן זאלסטו, אז אזוי ווי ביי 'לימוד התורה' געפונען מיר שבררו לנו גדולי ישראל די דברי חז"ל מיט דעם וואס זיין האבן מחלק געווען בין מילתא למילתא. און עס איז מעגליך אז אפילו נאכדעם וואס איין גדול האט מחלק געווען בין מילתא למילתא זאל קומען א אנדערע גדול און זאל זאגן אז אפילו אין איינע פון די צדדים אליין זאל אויך זיין א חילוק בין מילתא למילתא (והביא שם דוגמא: שחילק הקצות בין מזיק למשתרשי. ובא הגר"ח מבריסק זצ"ל וחילק במשתרשי גופיה. ואחרי החילוק של הגר"ח רואים את הדברים באור אחר, אך הוא לא המציא דבר שלא היה אלא שגילה לנו פרט מסוים ועל ידו בולט פרט אחר לעין פרט שלא שמנו לב אליו קודם לכן).

דאס זעלביגע איז ביי 'רפואה'. די מחלה איבער וואס איר רעדט איז נישט ניי אויף די וועלט. עס איז שוין געווען בימי קדם. נאר ווען די רפואה פון אנדערע קרענק איז נאכנישט געווען אזוי פארגעשריטן (כדוגמת לונגן אנטצינדונג אד"ג) האט מען נישט צוגעלייגט צופיל קאפ און די עולם הרפואה איבער די ביטערע מחלה ה"י. אבער כהיום שברוך השם איז די גאר גרויסע פארשריט אין אסאך אנדערע קרענק. זעהט זיך אן די חילוק פון די ביטערע מחלה מיט אנדערע קרענק, גאר שטארק. אבער בפועל איז נישטא קיין מכה חדשה און נישט קיין תוספות חולי וואס איז נישט געווען בעפאר אויפן וועלט. ואמר: שגם במחלה זו צריך לעשות תשובה ולבקש רחמים והשי"ת יעזור.

רבי רפאל דוד האט צוגעלייגט אז דער חזון איש פלעגט זיין רגיל צו זאגן אז אויף די ביטערע מחלה דארף מען מתפלל זיין ווען מ'זאגט 'בורא רפואות'. ע"כ

מושגים פון **פנימיות התורה, נשמת התורה, שמחה, אוזר ישראל בגבורה, התקשרות, טהרה, תפלה ועבודה בהתלהבות** אד"ג אייביג אן געווען ביי כלל ישראל. נאר עס האט זיך נאר געפונען ביי יחידי סגולה, און זיי זענען משמים נזהר געווען עס נישט צו מפיץ זיין ביי די כלל, ווייל עס איז געווען טרם הגיעה לכך השעה, עס איז נאכנישט געווען די צייט. איז אונזער פראגע, פארוואס איז די צייט געווען בזמנו של **האר"י הקדוש**, און שפעטער ביתר שאת בזמנו פונעם הייליגן **בעל שם טוב**?

## הסבר א – בביאור עם מעשה דהחת"ם סופר - והאמרי אמת

א מאמר סתום איז דא פון רבי פנחס'ל קאריצער זצוק"ל: אז דער בעש"ט איז אראפגעקומען אויף די וועלט אויפצוועקן כלל ישראל פון זייער שלאף וואס איז געווען בבחינת התעלפות (מאמר זה מיוחס לאדמו"ר הרש"ב מליבאוויטש זצ"ל י"ט כסלו תרס"ב). דאס איז א מאמר סתום. א לענגערע ערקלערונג האט מען געפונען אין א כתב יד מזמנו פונעם **צמח צדק**, כנראה איז עס געשריבן געווארן מתלמידיו, וכנראה זענען עטליכע פון די ביאורים פונעם הייליגן **בעל התניא** אליינ'ס. (זעה היכל הבעש"ט לח). - **תלמידו המבוהק הרה"ק רבי אהרן משטרשלה זצ"ל** ברענגט בספרו (שערי היחוד והאמונה בהקדמה עמ' ד) א משל פונעם **בעל התניא:** א מלך בשר ודם וואס האט פארמאגט אוצרות מלאים סגולות און גאלד און זילבער, טייערע שטיינער און פארשידענע אוצרות, באהלאטן אין א צימער. צווישן זיינע נאנטע און ליבהאבער וואס האבן באקומען רשות אריינצוקומען אינעם צימער, האט זיך געפונען פארשידענע דרגות. מאנכע זענען געווען באגליבט צו האבן צוטריט נאר צו די אוצר אבער נישט צו די אנדערע. און מאנכע זענען יא באגליבט אין די אוצרות אבער נישט אין די נאך טייערע אד"ג. יעדער האט נאר צוטריט צו די אוצרות געווואנדן לפי די נאמנות.

אבער פאר די וואס שטייען אינדרויסן, און האבן בכלל נישט קיין צוטריט. ווען דער מלך איז חפץ לגלות כבודו ויקר תפארת גדלותו ער ווייל אז די פאלק זאל האבן א פארכט און א ביטול פאר אים דער קעניג. דאן עפענעט ער אויף 'אלע' זיינע אוצרות, ווייל ער איז נישט חושש אויב איינער וועט שולח יד זיין און גנבענען, ווייל זיי אלע שטייען אינדרויסן, און טויערן זענען פארשפארט, און קענען עס נאר זעהן דורך די פענסטער.

די **נמשל:** די דורות הראשונים, מצד גודל צדקתם האבן געקענט אריינגיין אין די היכלי המלך, און משיג זיין בהשגה ממש אלוקתו יתברך, ולבא בגנזיו שהם גנזי מלכא. אבער יעדער האט נאר געהאט צוטריט לחפש בגנזיו לפי זיין דרגא. אבער די סתרים די גאר באהאלטענע וואס איז נישט געווען לפי ערכם, האבן זיי נישט געהאט קיין רשות, כי אולי יוכל לטעות. דעריבער איז אין די פריערדיגע דורות נישט נתגלה געווארן די דברים עמוקים.

**אבל עתה בדורות האלו אין מי שיכנוס לחדרי המלך בהשגה אמיתות ממש, כי דלתות ההיכלות דמלכא נעולים.. ולכן אין חשש לגלות להם אוצרות מגנזי המלך כדי שע"י ראותם גדולתו ותפארתו יתפעלו בביטול היש**

די הסבר פון די נמשל איז: פאר אונז פשוטע מענטשן, איז די פנימיות התורה בבחינת תורה בלבד, מיר זענען נישט זוכה צו די אור הגנוז דערפון, ממילא איז נישטא קיין חשש פארן עס אנדעקן פאר אונז.

**להסבירו וליפותו:** רבינו ה**חתם סופר** זי"ע פלעגט געבן א ליל שישי שיעור יעדע וואך בחומש עם פרש"י ורמב"ן. געווען איז עס פרשת בשלח, זיין קליין קינד שמע'לה (הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל אב"ד קראקא ובעל מכתב סופר) איז געזעצן נעבן זיין גרויסן טאטן. ווען דער הייליגער רבי דער חתם סופר איז אנגעקומען צו די דברי רש"י **ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים** (מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי, מכילתא ובמדרש רבה), האט דער טאטע אנעכאפט די האנט פון זיין קליינע שמע'לה, און מיט אן אש קודש, אים געפרעגט: היתכן אז א שפחה האט זוכה געווען צו זעהן וואס די **נביאים** האבן נישט געזעהן?

פתח הילד שמע'לה את פיו בחכמה: און געזאגט, טאטע, ווען די שיקסט א בריוו מיט דיין גויש'ע משרת, טיסטו נישט צוקלעבן די קאנווערט. אבער ווען די שיקסט א בריוו מיט א בחור איינע פון די תלמידי הישיבה, טיסטו צוקלעבן די מכתב די קאנווערט גוט גוט, פארוואס דאן יא און דאן נישט, מאי שנא?

נאר די תשובה איז פשוט, האט שמ'עלה ממשיך געווען: דער משרת דער גוי, ביסטו נישט חושש אויב וועט ער אריינקוקן אינעם מכתב. אבער פון א בחור ישיבה, שיש בו דעת, איכא למיחש, האסטו מורא אז ער וועט ליינען דעם בריוו. אזוי אויך, טאטע, איז די הסבר אויף דיין שאלה. די שפחה הנקלית רואה ואינו יודעת מה רואה, זי פארשטייט נישט וואס זי זעהט. דעריבער האט הקב"ה זיי געגעבן רשות צו זעהן, ווייל בלאו הכי וועט זי נישט מרגיש זיין ולא כלום בעניני אלוקות הגבוהים והנשגבים מבינתה. אבער, די נביאים שמתנבאים ויודעים מה מתנבאים איז ראייתם מוגבלת. (רשומים בשמיך עמוד מו).

די סיפור איז עטוואס א פירוש אויף די משל פונעם **בעל התניא** אז ווי ווייניגער מיר פארשטייען אלס מער אנדעקט מען.

[בדרך אגב, רעדענדיג פון הגאון רבי שמעון סופר במאמר 'חסידות' איז כדאי צוציברענגן וואס הגה"צ הגרא"י געלדצהיילער ז"ל האט פארציילט: עס איז ידוע אז אין אונגארן איז די יסוד היהדות נתייסד געווארן על ידי מרנא החתם סופר ותלמידיו זי"ע וואס האבן מכהן געווען ברבנות בכמעט אין אלע אונגארישע שטעט. ולפלא, אז די דור השלישי, חלק גדול מהרבנים גדולי ישראל, הסתפחו בחצרות בית ה' ונמנו על עדת החסידים, חלקם זענען געפארן קיין שינאווא און בעלזא. פארציילט רב געלדצהיילער, אז הרבני הישיש רבי אברהם שרייבער ז"ל האט אים פארציילט (רבי אברהם, בן רבי משה, בן החסיד רבי יואל, בן הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל בן מרנא החתם סופר- האריך ימים ביז די 102 ולא נס ליחו) אז זיין זיידע רבי שמעון סופר ציוה לבניו לבל יהיו רבנים אלא סוחרים, **און זאלן פארן צו חסידישע רבי'ס**, וקצת מבניו נסעו לגאסטנין, וזקנו רבי יואל נסע לגור]

א ענליכע מעשה געפונען מיר בספר **ליקוטי יהודה** (גור) בפרשת תרומה: אויפן פסוק **ועשית מנרת זהב מקשה תיעשה המנורה ירכה וקנה גביעי' כפתרי' וגו'.** אין **מדרש רבה** (במד"ר טו, ז) לערנען מיר: ווען הקב"ה האט באפוילן משה רבינו צו מאכן די הייליגע מנורה **אמר ליה כיצד נעשה אותה** הקב"ה האט געזאגט פאר משה רע"ה ווי אזוי צו מאכן די מנורה, אבער עכ"ז **נתקשה משה במעשה המנורה** משה האט נישט געקענט מאכן די מנורה, ביז **עד שנטל מטבע של אש והראה לו עשייתה, ואעפ"כ נתקשה משה.** האט הקב"ה באפוילן משה **לך אצל בצלאל והוא יעשה אותה**, גיי צו בצלאל און ער וועט עס מאכן, **ואמר לבצלאל מיד עשאה.**

האט דער **אמרי אמת** זצ"ל געפרעגט א קשיא וואס האט אים געשטערט פאר **פערציג יאר!** ווי אזוי איז דאס אז משה רעיה מהימנא רבן של ישראל איז נתקשה בעשיית המנורה, אבער בצלאל האט עס תיכף משיג געווען און געמאכט די מנורה? זאגט דער אמרי אמת, די קשיא איז מיר פארענטפערט געווארן ווען כ'בין געגאנגען באזוכן מיין איידים אין שפיטאל אין ווארשא. זיין צושטאנד איז געווען זייער שווער נאך אן אפעראציע וואס ער איז אריבערגעגאנגען און עס האט זיך געמאכט קאמפליקאציעס, האב איך געפרעגט דעם דאקטאר איבער מיין איידימ'ס מצב? האט מיר דער דאקטאר געענטפערט: עס איז געווען א מלך אדיר וואס האט פארמאגט א גאר טייערע דימאנט שטיין, וואס איז געווען ווערד א הון עצום, אבער עס האט פארמאגט א קליינע כתם א פינטל, אלע מומחים האבן מורא געהאט אראפצונעמען דעם פינטל וויל זיי קענען חלילה צוברעכן דעם שטיין. ביז מ'האט געגעבן די שטיין פאר בעל מלאכה וואס האט נישט געוויסט די ווערדע פונעם שטיין, און ער האט תיכף אראפגענומען די פינטל אנע צוברעכן דעם שטיין.

האט דער דאקטאר ממשיך געווען, ביים מעכטיגן קייזער **נאפאליאן** איז אמאל געווען אז אשתו היתה מקשה לילֵ'ף אלע מילדות פחדו לגשת לאשתו של המלך האדיר, אלע מומחים אינעם געביט האבן געציטערט אז אז קענען שעדיגן נאפאליאנ'ס ווייב בשעת די עבודה. ביז מ'האט גערופן א מילדות פון א דארף, זי האט נישט געוויסט אז די פרוי איז די ווייב פונעם מעכטיגן קייזער, און אלסדונג האט זיך אויסגעשטעלט גוט ובניקל. האט דער דאקטאר אויסגעפירט: בדרך כלל אזא אפעראציע איז זייער גרינג פאר מיר, אבער כ'ווייס דאך אז דער פאציענט איז די איידעם פונעם גרויסן ראבינער, איז פון די התרגשות געשעהן די קאמפליקאציע. האט דער **אמרי אמת** אויסגעפירט, מיט די סיפור איז מיר פארענטפערט געווארן די פערציג יעריגע קשיא, משה רבינו ע"ה האט געוויסט די **גדלות קדושת המנורה וסודותי', ירכה, וקנה, כפתרי', ופרחי', לכן נתקשה משה במעשה המנורה. אבל בצלאל לא נתקשה ועשעה מיד**

**בליקוטי יהודה** צייכענט צו צום הייליגן **שפת אמת** (בעהלותך תרל"ז): **אמנם ביאור הענין כי וודאי כפי מה שהשיג משה רבינו ע"ל כל פרטי מעשה המנורה לא היה בכח אנושי לעשותה, אך בצלאל לא השיג כ"כ וכפי השגתו עשאה ברצון ובכוונה טובה לשם שמים**, אין דער שפת אמת איז מסיים מיט די לשון: **כי נראה שאיש פשוט יכול יותר לקיים מצוה במעשה בפשיטות לשם שמים, והצדיק ע"י שמשיג יותר אינו יכול לקיים ב'פועל' כ"כ, לכן הקב"ה מצרף המחשבה למעשה.** ע"כ.

פייערדיגע ווערטער פונעם שפת אמת, מכח **גדלותו** פון משה רבינו ע"ה לא היה בכח אנושי צו מאכן די מנורה, אבער בצלאל וואס לא השיג כ"כ האט עס יא געקענט מאכן. דער שפת אמת איז מגלה א דבר נפלא בסיום דבריו, אז אונז פשוט'ע מענטשן קען מער מקיים זיין מצות מעשיות בפשיטות לשם שמים, ווי צדיקים. ווייל דער וואס איז משיג ביותר איז שווערער צו טון א מעשה ב'פועל', דעריבער פאר צדיקים איז הקב"ה מצרף **מחשבה למעשה**.

## גילוי נפלא ב"ה

מה נפלא ומה נעים לצרף אל דברי השפת אמת בפרטיות ולהמשל מבעל התניא בכלליות. בספר הקדוש **ויקהל משה**, (הובאו דבריו בריש הוספות מהרצ"א לספר סור מרע ועשה טוב, אות ו') ובתוך דבריו שרייבט ער: **האיר ה' עינינו בשנת של"ה לאלף השישי על ידי נשמת בצלאל בן אורי וכו' וימלא אותו רוח חכמה וכו', הוא נשמת מורינו ורבינו פה קודש קדשים האריז"ל אור שבעת הימים, ובידו נתן המאציל העליון רשות לפתוח המקורות והצינורות העליון ברזי דאורייתא, ואמר לנו בפירוש שהנסתרות בזמן הזה כמו הנגלות וכו', ובהתעסקות דברי הזוהר ותיקוני הזוהר על פי דברי מורינו ורבינו האריז"ל אש שלחו אלקים לפנינו להאיר לנו מתוך החושך והאפילה בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגא וכו', אין ביטולם וביעורם של הקליפות אלא בלימוד הקבלה על פי עולם התיקון.** ע"כ דבריו.

אויב נעמט מען די ווערטער פונעם **שפת אמת** צוזאמען מיט די גילוי פונעם **ויקהל משה** און מיטן משל פונעם **בעל התניא** שטעלט זיך ארויס דברים מוסתרין: דייקא דער **אר"י הקדוש** וואס איז געווען א גלגול און האט פארמאגט נשמת **בצלאל בן אורי**, איז געווען דער וואס האט אנדעקט די חכמת הקבלה וואס איז די אב ויסוד לתורת החסידות. ווי ערוועגט די משל פונעם בעל התניא, אז די דורות בתראי דארפן צוקומען צו די גילוי, און דייקא דורך נשמת בצלאל וואס האט עס געקענט משיג זיין,דייקא דורך נשמתו איז עס מעגליך אראפצוברענגן אויף די וועלט פאר די דורות בתראי.

## הסבר ב

א צווייטע משל פונעם **בעל התניא** וואס איז מער פארשטענדליך פאר אונז פשוטי עם: חולי הנפש איז ווי חולי הגוף. ווען א מענטש איז מסודר ב"ה דאן עסט ער געהעריג, פלייש, ירקות, און ברויט הרבה לשבוע. אבער אויב איז ער נישט אינגאנצן געזונט, וועלן אים די דאקטורים הייסן זיך אפהאלטן פון עסן ירקות און אסאך ברויט, נאר אביסל פלייש ומעט לחם נקי. ווען ער איז גאר נישט געזונט חלילה, וועלן אים די דאקטורים הייסן אז ער זאל כמעט אינגאנצן נישט עסן. נאר זיי געבן אים סמים און מעדיצינען. וכשהוא קרוב למות חלילה, און ער קען נישט טרינקן און נישט עפענען זיין מויל, דאן וועלן די דאקטורים אים ארייגיסן די סמי הרופאה אל פיו, אפילו האלב וועט

זיך אויסגיסן, און בלויז עטליכע טראפן וועלן אריין אין זיין מויל, איז עס כדאי אבי צו ראטעווען זיין לעבן.

די **נמשל:** למשל, **הרא"ש והר"ן הי' צדיקים גדולים בעלי תורה ומצות ולא פגמו כלל, ולא היה צריכים סמים כלל וכלל, רק אכילת בשר וירק היינו תורה נגלה לרוב ומעשים טובים, ועתה בעקבות משיחא נעשה חולי הנפש מאד, ואי אפשר לאכול המאכלים, וצריך ליתן רפואות היינו דא"ח, וכדאי הוא לשפוך רוב דברים רק פן איזה טובה יכנס בלב איש להחיותו ולהציל נפשו מני שחת וד"ל.**

די ביאור איז אין איינקלאנג מיט די הנחה וואס מיר געפונען אין די בריוון פונעם אדמו"ר הזקן, אז בימים הקדמונים איז געווען די עיקר לימוד התורה, ווייל דאן זענען געווען הויכע נשמות, און די תורה וואס איז נמשל צו ברויט און פלייש איז פאר געזונטע מענטשן געווען גענוג. אבער כהיום, ווען מיר זענען חולי נפש אין א נידריגער דרגא, דאן גיסט מען פון די סמים, כדאי אפילו עפעס זאל אריינגיין אין אונז. לדוגמא, התעוררות על ידי עבודת התפלה.

אפילו כהיום (ה'תשפ"ב) זעהט מען ווי מער און מער זענען מבקש דא"ח, קבלה, העכערע און טיפערע ענינים. ווען מ'זעהט ווי ספרי בים דרכך, ים החכמה, און שפתי חן ועוד וכדו' ווערט צוכאפט ביי אברכים און אפילו ערנסטע בעלי בתים. מ'זוכט די סמי הרפואה צו היילן אונזער חולי נפש. [אגב, זעה בהקדמה לספר זקני **שפתי חן** שנכתב ע"י המו"ל, עי"ש כמה טעמים למה בדורות הקודמים לא הי' נפוץ הלימוד בקבלה וכדו', בין דבריו מביא מהגה"צ **רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א** אז אמאל האט כבודו מורא געהאט צו זאגן בשם **הזוהר**, אבער תלי"ת מ'זעהט ווי פון הימל וויל מען די הפצה מער און מער און כהיום קען מען עס שוין נאכזאגן] עס איז א תקוה און האפענונג אז מיר זענען די לעצטע דור פאר די גאולה, און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן במהרה בימינו בלי שום נזק ומכשול, אכי"ר.

## הסבר ג

בעפאר מיר קערן זיך צוריק צו די מכתבים, בעת כתיבת השורות איז בהשגחה פרטיות אונז אונטערגעקומען צו קויפן ספר **בים החכמה** (להגרי"מ מארגענשטערן שליט"א. פנימיות הקבלה והחסידות חלק ב) **בענף א'** (תועלת תורת החסידות ללימוד הקבלה - אות ד'): **טעם גילוי החכמה בדרא בתראה** דער מחבר שמעוסט שיין ארום פארוואס חכמת הקבלה והחסידות איז נתגלה געווארן דייקא אין די שפעטערע דורות: בשם רבי חיים וויטאל ז"ל צייכענט ער צו: **גם זאת בדור הזה האחרון לא מאסנו ולא געלנו להפר בריתו אתנו ח"ו.** ווי אויך שטייט אין **תיקונים דבדרא בתראה בסוף יומיא יתפרנסון מהאי חבורא, ובגיניה וקראתם דרור בארץ וגו'.** ווי אויך בספר **הזוהר** (פרשת וירא דף קיח ע"א): **וכד יהא קריב ליומי משיחא אפילו הני רביי דעלמא זמינין לאשכחא רזין דטמירין דחכמתא וכו'.** ע"כ. איז מבואר אז אין די לעצטערע דורות וועט די חכמה נתגלה און נתפרסם ווערן, ויבינו וישכילו ברזי התורה שלא השיגו הקודמים אלינו.

וממשיך דאס איז זיכער אז די רזי התורה וסתריה איז נישט נתגלה געווארן לבני אדם דורך מער מעיין זיין דערין, דאס איז זיכער אז די דורות הקדמונים זענען געווען גאר העכער פון די דור שנתגלה הקבלה והחסידות. עס מיז זיין אז די סיבה פון די התגלות איז צוליב א שפע אלקי המושפע ממרום קדשו על ידי שלוחיו ומלאכיו או על ידי אליהו הנביא ז"ל.

**וטעם הדבר** אז מן השמים האט מען מסכים געווען מגלה צו זיין זאת החכמה בדרא בתראה דייקא, **כדי שבסגולת העסק בה בדרך הנכון והאמיתי דייקא, יתעוררו הנפשות דעקבתא דמשיחא, העייפות והחלושות מחשכת אריכות הגלות החל הזה, לשוב ולהתדבק בצור מחצבתם, ועל ידה נזכה לגאולה השלמה במהרה בימינו.** ווי עס איז מבואר בדברי **מהר"י צמח** וואס איז געווען פון די גורי האריז"ל, בהקדמת ספרו **רנו ליעקב** (נדפס בשלהי הקדמת ספר עץ חיים), וז"ל: **עוד נראה לי כי גילוי חכמה זאת עתה בדורות גרועות, הוא כדי שיהיה לנו מגן עתה לאחוז בלבב שלם באבינו שבשמים, כי באותן הדורות הרוב היו אנשי מעשה וחסידים, והמעשים טובים היו מצילין אותן מפני המקטרגים, ועתה רחוקים משורש העליון, כמו השמרים בתוך החביות, מי יגן עלינו אם לא קריאתנו בחכמה זאת הנפלאה והעמוקה, ובפרט על דרך שכתב הרז"ל שהנסתרות נעשו עתה כמו נגלות, כי בדור הזה מושל הזנות ומלשינות ולשון הרע ושנאה שבלב, ונתפשטו הקליפות באופן שמתבייש האדם לנהוג דברי חסידות, וה' יגן עלינו וימחול לעונינו, אכי"ר.** עכ"ל.

דער **מהר"י צמח** א תלמיד פונעם אר"י הקדוש שרייבט מוראדיג'ע ווערטער פארוואס די חכמת הקבלה (די פאר-חכמה צו חסידות) איז דוקא נתגלה געווארן נאך די צייטן פון די ראשונים. ער שרייבט אז די חכמה ערמעגליכט די שוואכערע דורות זיך אנצוכאפן און זיך צו האלטן נאנט צו אבינו שבשמים. די פריערדיגע דורות האבן זייערע מעשים טובים זיי געראטעוועט פון די מקטרגים. אבער מיר זענען ווייט פונעם שורש, מיר זענען ווי זאץ אין א ווין פאס, וואס מ'זעהט נאר ווען מ'האלט שוין ביים סוף פונעם פאס. ווען נישט די חכמה ווער וואלט מגין געווען אויף אונז? די נסתרות זענען געווארן ווי די נגלות, ווייל (שוין בדורו, כ"ש בדורינו) אין אונזער דור איז זנות, מלשינות, לשון הרע, און שנאה בלב מושל אויפן דור, אויף אזוי ווייט, אז מ'שעמט זיך צו פירן בדברי חסידות. ע"כ.

## ביאור מהרי"א מהאמיל ז"ל - בתוספות ביאור אודות יחזקאל הנביא

ובספר **חנה אריאל** להגה"ק **מהרי"א מהאמיל** שרייבט ער אינטערסאנטע דיבורים: **מי שלבו דואג בקרבו מוסרין לו רזי תורה, ולזאת מגלין לו רזי תורה, כידוע שכל סודות דחכמת הקבלה הוא להבין ולהשכיל את האמונה, דכל מאמינים שהוא לבדו הוא כמו שהיה הוא לבדו קודם שנברא העולם, וכשמגלים לו את זאת תתיישב רוחו בקרבו ולא ידאג ולא יהמה לבבו עוד. והרי זה כדמיון מה שאמרו בזוהר** (שמות) **שהקשו וכי 'יחזקאל' נביאה מהימנא גילה כל כך סודות המרכבה 'לכל ישראל'? ותירצו, שראה דישראל מהלכין בגלותא וידיהון מהדקין לאחורא בכבלי ברזל, וברוחניות** [ענין הידים] **היינו בחינת התעוררות המדות חסד, וגבורה, אהבה, ויראה הטבעיים שיש לכל ישראל להתעורר בהם בכל עת שירצו, ובתוקף הגלות היו מהדקין ודחוקים לאחורא בכבלי**

ברזל, **שלא היו יכולים להתעורר בהם, ודאגו לומר שנעזבו ח"ו לגמרי מאת ה' אלקי ישראל, ולכן הוכרח יחזקאל לגלות להם המרכבה וכו', וזוהי דוגמת מכוונת ממש לענין מגלין לו רזי תורה.** ע"כ

בכדי צו פארשטיין די ווערטער פון הגה"ק מהרי"א **מהאמיל ז"ל** וועלן מיר כאפן א בליק בתקופת נבואת יחזקאל הנביא, און דערנאך זעהן די מורא'דיג'ע ווערטער וואס עס שטייט אין **זוהר הק'**.

עס איז געווען סוף **תקופת בית ראשון** בשעת ווען **ירמיהו** הנביא האט נבואה געזאגט בארץ ישראל, האט **יחזקאל** הנביא מתנבא געווען פון בבל, אזוי שרייבט **רש"י הק'** במסכת **סנהדרין** (דף צב ע"ב). די פאטער פון יחזקאל האט געהייסן 'בוזי', וישנה דעה אז 'בוזי' איז א כינוי צו **ירמיהו הנביא**, און **יחזקאל** איז געווען דער זון פון ירמיהו. (ונקרא ביזוי על שהיו מבזין אותו. ראה באלף דור פרק ו שציין: ערוך ערך בז, רד"ק יחזקא"ל פרק א פסוק ג. גם ירמיהו היה כהן, מן הכהנים אשר בענתות, ושניהם מוזכרים שהם מבני בניה של רחב הזונה שנתגיירה ונישאה ליהושע בן נון).

חז"ל במסכת **חגיגה** (יג ע"ב) לערנען אונז אסאך איבער **ספר יחזקאל**, און ווי אזוי מ'האט עס געוואלט גונז זיין. צווישן אנדערע געפונען מיר א מימרא: **אמר רבא כל שראה יחזקאל ראה ישעיה. למה יחזקאל דומה לבן כפר שראה את המלך. ולמה ישעיה דומה לבן כרך שראה את המלך.** ע"כ דברי הגמרא. **תוספות** ערקלערט: **לבן כפר, שצריך לו להביא סימנים לאחרים קודם שיאמינוהו לפי שראהו שלא במקומו ואין דרכו להתראות שם וה"נ אמר יחזקאל שראהו על נהר כבר לפיכך נתמהו שומעיו.**

וואס זאגט, רבא, וואס ערקלערט תוספות? לאמיר עס ערקלערן לפי ווי די ראשונים ערקלערן עס. די מימרא פון רבא בפשטות איז: יחזקאל הנביא בספר יחזקאל כתוב איבער די מרכבה עליונה, די מראות די חיות. זאגט רבא (לפי פרש"י) אלסדונג וואס יחזקאל האט געזעהן, די גאנצע מרכבה, האט ישעי' הנביא אויך געזעהן. נאר ישעי' וואס איז געווען א בן מלכים און זיך געדרייט בחצר המלוכה (אמוץ אבי ישעי' היה אחי אמציה מלך יהודה) און איז געווען א **בן כרך** א תושב הבירה פון די הויפט שטאט, אזא איינער איז נישט ממהר צו פארציילן ממראה המלך, ווייל עס איז נישט קיין וואונדער פאר אים, ער איז באקאנט מיט דעם. זעה **מהרש"א** אז מלכות בארץ איז נימוסיה כעין נימוסי מלכות שמים, און וויבאלד ישעי' איז געווען רגיל בנימוסי מלכי בשר ודם איז ער נישט מופתע געווארן פון די פרטי המראה וואס ער האט געזעהן. אבער יחזקאל איז געווען ווי א **בן כפר**, ומימיו לא ראה מלך בכבודו נישא בהדר מוקף בחיל עבדים, דעריבער הופתע והתפעל פון יעדע פרט פון די מראה המרכבה.

פון **תוספות** איז משמע אז מ'רעדט נישטא פון די גדלות פון ישעי' און יחזקאל. נאר מ'רעדט פון די פאלק פארוועם זיי האבן נביאות געזאגט. **בן כפר** גייט ארויף אויף די ציבור בשעתו פון יחזקאל, א בן כפר ווען זיי זעהן דעם מלך שלא במקומו נישט אינעם הויפט שטאט נאר בכפר אינעם דארף, אזא פלאץ ווי דער קעניג ווערט געווענליך נישט געזעהן, דארף דער מלך ברענגען סימנים צו צייגן אז ער איז טאקע דער מלך. יחזקאל האט נביאות געזאגט בשעת ווען ער האט זיך געפונען בגלות על נהר כבר, משא"כ ישעי' האט נביאות געזאגט אינעם מקדש.

בספר **מגדים חדשים** (חגיגה שם) ברענגט ער בשם רבינו **אברהם מן ההר** ז"ל: רש"י כתב דבן כפר גייט ארויף לפחיתות יחזקאל. אבער, **והעיקר לפחיתות אנשי דורו או אנשי מקומו, שצריך לספר להם בלשון ארוכה ורחבה.** דער בעל מגדים חדשים שרייבט, אז עס ידוע אז רבינו אברהם מן ההר בפירושו באציהט זיך תמיד אחרי דברי ה**רמב"ם**. און אזוי אויך דא באציהט ער זיך איבער וואס דער **רמב"ם** שרייבט בספר **המורה** (ח"ג פ"ו), דער רמב"ם שרייבט א משל: א משל צו צוויי מענטשן וואס האבן געזעהן דעם קעניג במרכבתו אין זיין קעניגליכן וואגן, איינע פון די מענטשן איז מבני העיר, און דער צווייטער איז מבני הכפר, דער פון די שטאט, זיי קענען שוין דעם קעניג'ס וואגן, און ווען זיי וועלן פארציילן פאר די בני העיר אז זיי האבן געזעהן דעם קעניג, וועלן זיי נישט רעדן פון זיין שיינעם וואגן, נאר זיי וועלן רעדן פונעם קעניג אליינ'ס. דערקעגן דער דארפסמאן, וויבאלד ער רעדט צו די בני הכפר, און זיי האבן נישט קיין שום ידיעה ווי אזוי דער קעניג'ס הערליכע וואגן זעהט אויס, ער וועט מפרט זיין פאר די בני הכפר, די תכונת רכיבתו, ותאור צבאותיו ושמשיו והמוציאים לפועל את פקודותיו, ע"ש.

לאמיר א קוק טון אין **זוהר הק'** צו פארשטיין אין וועלכע מצב כלל ישראל האט זיך געפונען בנבואות יחזקאל. מיר וועלן מעתיק זיין את דברי הזוהר הק' באידיש (מבוסס עפ"י פירוש הסולם ומתוק מדבש): עס פרעגט זיך, אויב יחזקאל איז געווען א נביא נאמן, פארוואס האט ער מגלה געווען פאר די ציבור וואס ער האט געזעהן במראה הנבואה? ווען דער קעניג נעמט אריין אין זיין היכל, צו האט ער רעכט צו מגלה זיין וואס ער האט אלס געזעהן אינערוויינינג? נאר, בודאי איז יחזקאל געווען א נביא נאמן, און וואס ער האט געזעהן איז געווען בנאמנות, וברשותו פון הקב"ה האט ער מגלה געווען וואס ער האט מגלה געווען.

**אמר רבי שמעון**: ווען אידן זענען אראפ אין מצרים זענען זיי געווען רגילים בצער, ווייל יעקב הצדיק, זייער פאטער, איז געווען בצער. און דעריבער האבן זיי סובל געווען די גלות כראוי און זיך נישט מתייאש געווען פון די גאולה. אבער בגלות בבל זענען זיי געווען **בצער שלם**, א צער **שהעליונים והתחתונים בוכים עליו**, ווי עס שטייט: **הן אראלם צעקו חצה וגו' תחתונים, כמו שכתוב על נהרות בבל שם ישבנו וגו'** ווען כלל ישראל איז אראפ קיין גלות בבל, חשבו אז לא יהיה להם עוד קיום לעולם, ווייל הקב"ה האט זיי פארלאזט און וועט מער אויף זיי נישט משגיח זיין.

ולמדנו, **אמר רבי שמעון**, באותה שעה האט הקב"ה גערופן די גאנצע פמליה שלו וכל מרכבות הקודש, המחנות ושרי מעלה, וכל צבא השמים, און האט זיי געזאגט: **בני אהובי בגלות, ואתם כאן?** מיינע ליבע קינדער זענען אין גלות, און ענק זענען דא? לאמיר אראפגיין קיין בבל ואני עמכם, וזה שכתוב: **אמר ה' למענכם שלחתי בבליה וגו' למענכם שלחתי בבלה זה הקב"ה, והורדתי בריחים כלם אלה אל המרכבות והמחנות העליונים.**

ווען די גאנצע פמליא בראש פון הקב"ה זענען ארפאגעקומען קיין בבל האבן זיך די הימלן געעפענט, און א רוח נבואה קדושה שרתה על יחזקאל, און ער האט געזעהן וואס ער האט אלס געזעהן, און יחזקאל האט געזאגט פאר כלל ישראל: הרי אדוניכם כאן, אלע צבא השמים

און די מרכבה זענען געקומען זיין מיט ענק. **לא האמינוהו,** זיי האבן נישט געגלייבט יחזקאל, ביז ער האט געמוזט מגלה זיין אלסדונג וואס ער האט געזעהן. **וארא כך, וארא כך.** און אפילו אויב וואלט ער מגלה געווען מער ווי וואס ער האט מגלה געווען איז אלעס געווען לצורך. וויבאלד שראו ישראל כך, שמחו, האבן זיי זיך געפריידט, און ווען זיי האבן געהערט די ווערטער מפי יחזקאל האבן זיי נישט חושש געווען בכלל אויף זייער גלות, ווייל זיי האבן געוויסט אז הקב"ה וועט זיי נישט איבערלאזן.

**ואמר רבי שמעון, באותה שעה שמחו ישראל שמחה שלימה בגלל סיוע הקב"ה שעימם. וכל אחד הכניס רצון בלבו באהבה גדולה למסור נפשו אל קדושת בוראו, ובגלל זה גילה יחזקאל כל מה שגילה.**

לאמיר זיך צוריקקערן צו די ביאור פון הרה"ק מהאמיל זצ"ל, די דרא בתראה וואס כלל ישראל האט זיך געפונען בזמנו פונעם אר"י קל חי און בזמנו פונעם בעל שם טוב, איז געווען בבחינת וואס כלל ישראל האט זיך געפונען בשעת גלות בבל. ווען כלל ישראל געפונט זיך אין אזא מצב, צוקלאפט און צושלאגן, דאן געענוי ווי בזמן יחזקאל כדאי מחזק צו זיין די אמונה האט מען אנדעקט פאר כלל ישראל די מרכבה עליונה, אזוי אויך האט אויסגעפעלט צו אנדעקן די זוהר הק', קבלה, חסידות פאר כלל ישראל צו שטארקן זייער אמונה אינעם בורא כל עולמים.

## שלש שיטות

וואס איז געווען בעפאר חסידות, פון ווי האט מען שואב געווען יראת שמים, די דורות בעפאר זענען דאך געווען אסאך העכער פון אונז. אין א מאמר פון הגר"מ ברוד, צעלייגט ער בטוב טעם וואס עס איז געווען בעפאר, און איבער די שלש שיטות.

בדורות הראשונים, ווען די מוחות זענען געווען פתוחים, און די הערצער ריינער, עסקו כלל ישראל בלימוד הש"ס והפוסקים, און מ'האט שואב געווען דערפין נישט נאר תורה און הלכה, נאר אויך יראת שמים און מידות טובות. זיי האבן געזעהן די מאור שבתורה און חשו את קדושתה, וממילא האט די לימוד התורה אליינ'ס גורם געווען צו תוספות יראת שמים און התעוררות לעבודת ה'. עם ירידת הדורות און התגברות החושך הרוחני בעולם, ווי מיר האבן שוין געשריבן ב**שערי מדע** חסידות מאמר א', די שפל המצב ווי כלל ישראל האט זיך געפונען נאך גזירת **ת"ח ות"ט**. איז אראפגעקומען א התעוררות א צורך לעסוק באופן מיוחד בדברים המוסיפים יראת שמים און איז מחזק די אמונה. ש"ס ופוסקים אליין איז שוין נישט געווען גענוג, עס איז געווען א הכרח צו לערנען דברים מיוחדים וואס ברענגן צו יראת שמים און איז מתקן די מידות.

שרייבט רב ברוד, אז בענין זה התפתחו במשך הדורות שיטות: שיטת ה**חקירה**, שיטת ה**מוסר**, ושיטת ה**חסידות.** שיטת החקירה והמוסר זענען צוויי קעגנזייטיגע שיטות, שיטת המוסר איז צמחה אלס א תגובה צו די חסרונות שנבעו משיטת החקירה.

די צוויי שיטות, מוסר און חקירה, זענען נשתנה געווארן במשך די יארן, און האבן באקומען פנים רבות, אבער ביסודן זענען זיי געווען צוויי קעגנזייטיגע שיטות, שיש בזו מה שאין בזו. די דריטע שיטה, שיטת החסידות משלבת בצורה מופלאה את מעלותיהן של שתי השיטות הללו, והרבה יותר מזה.

שיטת המוסר באציהט זיך בעיקר באופן ישיר אויף די פראבלעמען פון חוליי הנפש. עס איז מגלה די חומריותדיגע נייגונגען און די שלעכטע מידות מיט אירע פולסטע קאלירן. מוסר איז ממחיש פארן מענטש צו ווי די מידות קענען אים פירן, און וויפיל ס'איז מעכב פון עבודת השם. די מעלה פון די שיטה, אז עס כאפט אן דעם אקס ביי די הערנער, ס'רעדט קלאר. אבער עס פארמאגט א נישט גוטע צד, אז ווען מ'לערענט און מ'קאכט און די צד השלילי פונעם מענטש, איז עס נישט מוסיף קיין שמחה, עס לאזט איבער אזא עצב אויפן מענשטן.

שיטת החקירה, דערקעגן, איז נישט עוסק מיט די צד השלילי עצמו, עס פראבירט אויפצוהייבן דעם מענטשן צו א הויכע מדריגה פון רוחניות, דורך עוסק זיין בדברים גבוהים ונעלים. חקירה, איז דן בנושאים פילסופיים גבוהים הקשורים באמונה, בתורה ובמצות. איר ציהל איז צוברענגן דעם מענטש אז ער זאל פארשטיין און משיג זיין ב'שכלו' גדלות ה', וממילא וועט ער זיך דערווייטערן פון עניני חומריות און מידות רעות.

אבער די חסרון פון שיטת החקירה איז, עס קען זיין מסוכן, מקודם, עס קען זיין מנותק מההתנהגות היום יומית, צווייטנ'ס, העמדת השכל והחקרנות אלס א מרכז פון עבודת ה', קען חלילה צוברענגן צו דאס פארקערטע, צו חלישות און אמונה, צו קרירות השכל, און אויך צו ספיקות, ווייל די שכל איז נישט מוחלט, און שטענדיג איז דא צדדים לכאן ולכאן. [ועוד חזון במאמרי שערי מדע בעז"ה אודות פולמוס לימוד החקירה בזמנם של הראשונים].

עד שבא הכתוב השלישי, חסידות. חסידות האט מיט א שנעלקייט כובש געווען את לב הם, עס איז א מיזוג פון אלסונג, פון מוסר, פון אלוקית, פון חקירה, און פון קבלה. חסידות איז 'נשמת התורה, ובתור נשמת התורה פארמאגט עס אלסדונג.

חסידות איז עולה לשמי מרום, ובו בזמן, איז עס נוקבת עד לתהום. חסידות איז דן בסוגיות העמוקות והמופשטות ביותר פון אמונה און ידיעת הבורא, אבער עס ברענגט די דברים עד לדברים הקטנים ביותר של חיי האדם. עס איז מסלק די רע, דורך די אור שבה, עס איז משתמש מיט די שכל ובהגיון, אנדעם וואס זייל זיי מאכן די מושלים בכיפה. השכל שבחסידות איז נישט קיין שכל אנושי, עס איז שכל אלוקי, חדור אמונה וקדושה.

**אדמו"ר הריי"צ** האט מגדיר געווען די שלש שיטות ווי פאלגענד: מוסר, איז ביטול החומר. חקירה, איז מעלה הרוחניות, און חסידות, איז הגברת הצורה על החומר. והתכללותם יחד מבלי שיימצא ראש וסוף. זוהי תורת החסידות, פנימיות התורה.

## אין כל חדש

אויב וועט מען זיך אפשטעלן א מינוט און טראכטן, וועלן מיר זעהן אז חסידות האט נישט מוליד געווען קיין שום דבר חדש. די אמירות אדער מעשים וואס מ'איז מייחס צו חסידות, אדער ווערט פאררעכענט

א חסידישע מנהג אד"ג, למעשה זענען זיי געזאגט געווארן אדער געשריבן געווארן בעפאר 'חסידות', נאר מ'האט פשוט 'נישט צוגעלייגט קיין הארץ'. וואס חסידות האט געטוהן, איז **מוסיף געווען חיות** אין יעדע זאך. אין א מכתב וואס **הרש"ב מליבאוויטש** זצ"ל האט געשריבן, האט ער מסביר געווען חסידות מיט 'צוויי ווערטער': **אור, וחיות**! אור, ליכטיגקייט, איז גארנישט מוסיף מבחינת די חפצים וואס ליגן אין חדר, אבער איזה הבדל וואס פאר חילוק איז ווען די אור איז דא און ווען עס איז חושך העדר אור? דאס זעלביגע מיט חיות, די רוח החיים איז נישט מוסיף פארן גוף, אבער אך און וויי ווען די חיות איז נישט אינעם גוף, עס איז כאבן דומם שאין לה הופכין.

ביז חסידות, האט מען עוסק געווען אין אלס און אלסדונג, ספרים, מוסר, חקירה, הלכה. מ'האט געוויסט וואס עס שטייט אין די ספרים, אבער פאר די המון עם האט געפעהלט די 'חיות'. דער בעל שם טוב האט מחדש געווען אז מ'דארף נעמען זאכן **ברצינות** מ'דארף עס נעמען סיריעס. לאמיר נעמען קליינע און גרינגע דוגמאות. אין שלחן ערוך שטייט אז מ'דארף אנטון א גארטל פארן דאווענען (או"ח סימן צא), שלחן ערוך איז מחייב יעדען איד, חסיד כלטאי, ספרדי כאשכנזי, א יעקע אדער א אונגארישער.. אפילו עס שטייט בשלחן ערוך, האט די המון עם זיך נישט געפירט אזוי. נאר ווען די חסידים האבן עס אפנגעפאנגן אנצוטוהן איז עס געווארן צעשפרייט ביי אלע שיכטן כמעט. וואס איז דא געשעהן? דער חסיד האט גענומען דעם סעיף אין שלחן ערוך ברצינות און מיט א אמת. און ווען מ'מיינט עס אמתי'ג ווערט עס א מציאות.

דאס זעלביגע איז מיט **עבודת התפלה** וואס זינט חסידים איז עס געווארן א דערהויבענקייט (ס'איז אונז אויסגעקומען צו דאווענען ליל שבת קודש נישט במקום חסידי, אוי האבן מיר געזעהן וואס א הודו ערב שבת טוט, וואס תפלה בהתלהבות טוט.. א חסידישע דאווענען איז א דאווענען) **צו מיינט** איר אז דאס א המצאה חסידית? עס איז סעיפים בשלחן ערוך: זעה באו"ח סימן צח ווי אזוי די חסידים הראשונים האבן געדאווענט ביז זיי זענען אנגקומען למעלת הנבואה. עס איז נישט קיין חסידישע המצאה, עס איז **שלחן ערוך!**

ווי אזוי די וחי בהם זאל געשעהן, אויף דעם איז דא כמה וכמה דרכים בחסידות, צו חב"ד במח, צו קאצק מיט אמת, צו ברסלב בלב אד"ג. - איבער די פארשידענע חילוקים איבער חסידות'ן, אי"ה אין די קומענדיגע סעריעס פון מאמרי חסידות.

עס איז א שמועס פאר זיך, איבער וואס דער אר"י הקדוש האט אראפגעברענגט אויף די וועלט, און וואס דער בעל שם טוב האט מוסיף געווען, אויך דאס וועלן מיר אי"ה אויסשמועסן אין אנדערע מאמרים, אבער להיפטר בלי כלום אי אפשר: ב**חמדה גנוזה** איז צוגברענגט די ווערטער פונעם הייליגן **דברי חיים זי"ע**, ער האט געזאגט: דער אר"י הקדוש האט מגלה געווען שיש אלקים בשמים, און דער בעל שם טוב האט מגלה געווען שיש אלקים בארץ.

**עפילאג:** די נושא פון 'חסידות' פארמאגט נישט קיין ראש און קיין סוף. אבער להיפטר בלי כלום אי אפשר. ברוך השם אז מיר האלטן שוין במאמר ב', אפילו פאר אונז חסידים איז כדאי זיך צו באקענען מיט די נושא מיט א כלליותדיג'ע בליק, עס וועט אונז ברענגן נענטער צו אונזער שורש, צו פארשטיין פון ווי עס קומט, און צו וואס מיר האבן ב"ה זוכה געווען. עס איז דא אסאך נושאים וואס מיר וועלן אי"ה שרייבן איבער 'חסידות', ווי די התנגדות פון די גדולי עולם צו חסידות, וואס איז געווען די התנגדות, די שיטות שונות בין חסידות לחסידות, ועוד ועוד, ובעזרת השם חפץ ה' בידינו להצליח.

# שערי מדע

עניני חכמה ומדע על פי חז"ל

## מכון שערי מדע


**הרב משה נחום קרויס**

**עורך ראשי**


■ ■ ■


להערות והארות און אזוי אויך
פאר סיי וועלכע אינפארמאציע

אדער צו ערהאלטן אונזער
וועכנטליכע גליון דורך אימעיל

**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**

Moshe@dermentch.com

**אדער פעקסט צו:**

718.228.4311


■ ■ ■


כל הזכויות שמורות

© Copyright '15 by:

**Mechon Sharei Mada**

No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.


■ ■ ■


**Graphics done by:**

Gedank Productions

you brainstorm... we'll perform!

718.218.4583

Jobs@GedankProductions.com

**Weekly Page Layout by:**

מערכת להתענג

Lehisaneg@gmail.com